# U.S. אפטיילונג פון אגריקולטור (U.S. Department of Agriculture)

## USDA פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע בויגן

| אנקלאגער אינפארמאציע | | |
|---|---|---|
| ערשטע נאמען | מיטלסטע אינישעל | לעצטע נאמען |
| פאסט אדרעס (רעכנט אריין גאנצע סיטי, סטעיט און זיפ קאוד) | | |
| הויפט טעלעפאן נומער | צווייטע טעלעפאן נומער | אימעיל |
| בעסטע וועג אייך צו דערגרייכן: ☐ פאסט ☐ טעלעפאן ☐ אימעיל ☐ עפעס אנדערש | | |
| אויב איר האט שוועריגקייטן צו פארשטיין די ענגלישע שפראך, קענט איר פארלאנגען שפראך הילף סערוויסעס דורך רופן 866-632-9992. הילף וועט זיין אוועילעבל פאר אינדיווידועלן וועלכע קענען זיך נישט אויס אין ענגליש. מענטשן מיט באגרעניצונגען וואס פאדערן אנדערע מיטלען פון קאמיוניקאציע (צ.ב., ברעיל, גרויס דרוק, אמעריקאנער צייכן שפראך" זאלן זיך פארבינדן מיט די פאראנטווארטליכע סטעיט אדער ארטיגע אגענטור וואס געבט דער פראגראם אדער פארבינדט זיך מיט די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון אגריקולטור (UnitedStates Department of Agriculture, USDA) דורך די פעדעראלע טעלעקאמיוניקאציעס רילעי סערוויס אויף 711 (קול TTY). | | |

| פארטרעטער אינפארמאציע | |
|---|---|
| האט איר א פארטרעטער? ☐ יא ☐ ניין | האָט איר שריפטליכע אויטאריזאציע פונעם פארטרעטער? אויב יא, ביטע לייגט צו. ☐ יא ☐ ניין |
| ערשטע נאמען | לעצטע נאמען |
| פאסט אדרעס (רעכנט אריין גאנצע סיטי, סטעיט און זיפ קאוד) | |
| טעלעפאן | אימעיל |

**קלאגע אינפארמאציע**

*(לייגט צו נאך בלעטער און שטיצנדע דאקומענטן ווי פארלאנגט)*

1. שטעלט צו די נאמען פון די פראגראם וואס איר האט זיך איינגעגעבן פאר (אויב באוואוסט/שייך).

2. וועלט אויס די USDA אגענטור וואס פירט דורך די פראגראם אדער שטעלט צו פעדעראלע פינאנציעלע הילף פאר די פראגראם.

☐ אגריקולטורעל מארקעטינג סערוויס (Agricultural Marketing Service, AMS)

☐ פרעמדע אגריקולטורישע סערוויס (Foreign Agricultural Service, FAS)/טרעיד און פרעמדע אגריקולטורישע אנגעלעגנהייטן (Trade and Foreign Agricultural Affairs, TFAA)

☐ עסן און נערונג סערוויס (Food and Nutrition Service, FNS)

☐ פארעסט סערוויס (Forest Service, FS)

☐ פארם סערוויס אגענטור (Farm Service Agency, FSA)

☐ נאציאנאלע אינסטיטוט פון עסנווארג און אגריקולטור (National Institute of Food and Agriculture, NIFA)

☐ נאציאנאלע ריסאורסעס קאנסערוועישאן סערוויס (Natural Resources Conservation Service, NRCS)

☐ רורעל דעוועלאפמענט (Rural Development, RD)

☐ עפעס אנדערש ☐ נישט באוואוסט

| | |
|---|---|
| 3. דאטום פון לעצטע אנגעבליכע דיסקרימינאציע (ממ/טט/יייי) | 4. לאקאציע און/אדער אדרעס פון די אפיס וואו די דיסקרימינאציע איז פארגעקומען |

5. ווער גלייבט איר האט דיסקרימינירט אנטקעגן אייך? רעכנט אריין די נאמען(נעמען) פון די מענטש(ן) אריינגעמישט אין די אנגעבליכע דיסקרימינאציע (אויב באקאנט).

# U.S. אפטיילונג פון אגריקולטור (U.S. Department of Agriculture)
## USDA פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע בויגן

6. וואס האט פאסירט צו אייך (ביטע רעכנט אריין דאטומען פון יעדע פארלעצונג)?

7. עס איז א פארלעצונג פון די געזעץ צו דיסקרימינירן אנטקעגן אייך באזירט אויף די פאלגנדע: ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, רעליגיע, סארט אריינגערעכנט דזשענדער אידענטיטעט און אויסדריק, געשלעכטליכע אויסשטעל, באגרעניצונג, עלטער, הייראט סטאטוס, פאמיליע/עלטערן סטאטוס, איינקונפט באקומען פון א פובליק הילף פראגראם, און פאליטישע גלויבונגען. (נישט אלע באזעס זענען שייך צו אלע פראגראמען). נקמה איז פארבאטן באזירט אויף פריערדיגע ציווילע רעכטן אקטיוויטעט.

איך גלייב אז מען האט דיסקרימינירט אנטקעגן מיר צוליב מיין:

☐ ראסע ☐ סארט ☐ הייראט סטאטוס
☐ געשלעכטליכע אויסשטעל ☐ דזשענדער אידענטיטעט (אויסדריק)
☐ קאליר ☐ באגרעניצונג ☐ פאמיליע/עלטערן סטאטוס
☐ נאציאנאלע אפשטאם ☐ עלטער ☐ איינקונפט פון פובליק הילף
☐ פאליטישע גלויבונגען ☐ רעליגיע ☐ נקמה (פריערדיגע ציווילע רעכטן אקטיוויטעט)

**לעזונגען**

8. וויאזוי ווילט איר געוואלט מען זאל שליכטן אייער קלאגע?

9. האט איר אריינגעגעבן א קלאגע איבער דעם אינצידענט(ן) מיט אן אנדערע פעדעראלע, שטאטישע אדער לאקאלע אגענטור אדער מיט א געריכט?

| | |
|---|---|
| 10. אויב יא, מיט וועלכע אגענטור אדער געריכט האט איר עס אריינגעגעבן? | 11. אויב יא, ווען האט איר עס אריינגעגעבן? (ממ/טט/יייי) |

באקלאגער'ס אונטערשריפט ______ דאטום ______ אונטערשריפט פונעם פארשטייער ______ דאטום ______

OMB קאנטראל נומער: 0508-0002

אפלויף דאטום: 09/30/2027

**אנווייזונגען**

**ציל:** די אגריקולטור דעפארטמענט 3027 (AD 3027) פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע פארם קען ווערן גענוצט אריינצוגעבן א קלאגע אויב איר גלייבט אז איר זענט אדורך דיסקרימינאציע אין סיי וועלכע USDA פראגראם אדער אקטיוויטעט, און איר ווילט אריינגעבן א קלאגע פון דיסקרימינאציע. מען קען נוצן דעם פארם אריינצוגעבן א קלאגע פון דיסקרימינאציע באזירט אויף ראסע, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם (אריינגערעכנט באגרעניצטע ענגלישע קענטעניס), רעליגיע, סארט אריינגערעכנט דזשענדער אידענטיטעט און אויסדריק, געשלעכטליכע אויסשטעל, באגרעניצונג, עלטער, הייראט סטאטוס, פאמיליע/עלטערן סטאטוס, איינקונפט באקומען פון א פובליק הילף פראגראם, און פאליטישע גלויבונגען. איר קענט אויך נוצן דעם בויגן אריינצוגעבן א פראגראם קלאגע וואס באשולדיגט א נעגאטיווע ווירקונג צו אייער געזונט אדער די סביבה פון א באשיצטע גרופע פאראורזאכט דורך די פראגראם אדער אקטיוויטעטן פון USDA, איר מיסיע ערטער אדער אגענטורן.

איר ווערט נישט פארלאנגט צו נוצן דעם פארם אריינצוגעבן א דיסקרימינאציע קלאגע, איר קענט אנשטאט דעם פארם אריינשיקן א בריוו אדער אימעיל. די בריוו אדער אימעיל מוז אריינרעכענען די אינפארמאציע פארלאנגט אין שירות 1-11 אויף די פארם. אויב איר באשליסט צו נוצן דעם פארם, ביטע טייפ'ט אדער דרוקט אלע אינפארמאציע אין שירות 1-11 אויף די פארם און נוצט נאך בלעטער אויב איר דארפט מער פלאץ. אויב איר דארפט הילף אויסצופילן דעם פארם, רופט 866-632-9992.

אין איינקלאנג מיט 7 CFR 16.4(d), קענען געניסער און מעגליכע געניסער אין פראגראמען געשטיצט דורך אומדירעקטע פינאנציעלע הילף פון USDA אריינגעבן שריפטליכע קלאגעס מיט USDA וואס באשולדיגט פארלעצונגען פון די געזעץ'ס רעליגיעזע פרייהייט באשיצונגען דורך זיך פארבינדן אדער אריינגעבן א שריפטליכע קלאגע מיט USDA'ס אפיס פון די געהילף סעקרעטאר פאר ציווילע רעכטן (Office of the Assistant Secretary for Civil Rights, OASCR).

אויב איר דארפט הילף אויסצופילן די פארם (אריינגערעכנט איבערזעצונג סערוויסעס), קענט איר רופן (866) 632-9992; הילף וועט זיין אוועילעבל אין ענגליש און פאר מענטשן וועלכע קענען זיך נישט גוט אויס אין ענגליש אדער אין אנדערע שפראכן. מענטשן מיט באגרעניצונגען וואס פאדערן אנדערע מיטלען פון קאמיוניקאציע צו באקומען פראגראם אינפארמאציע (צ.ב. ברעיל, גרויסע דרוק, און אמעריקאנער צייכן שפראך), זאלן זיך פארבינדן מיט די פאראנטווארטליכע סטעיט אדער ארטיגע אגענטור וואס געבט דער פראגראם אדער זיך פארבינדן מיט USDA דורך די טעלעקאמיוניקאציעס רילעי סערוויס אויף 711 (קול און TTY)

**מיר דארפן האבן אן אונטערגעשריבענעם קאפיע פון אייער קלאגע. אן אומפארענדיגטע אדער נישט אונטערגעשריבענע פארם אדער בריוו וועט אויפהאלטן פראסעסירונג פון אייער קלאגע.**

**דעדליין אריינצוגעבן:** א פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע דארף ווערן אריינגעגעבן אינערהאלב 180 טעג פון די דאטום וואס איר האט געוואוסט אדער געדארפט צו וויסן פון די אנגעבליכע דיסקרימינאציע סיידן די צייט פאר אריינגעבן איז פארלענגערט געווארן דורך USDA. קלאגעס געשיקט דורך פאסט ווערט באטראכט אלץ אריינגעגעבן ביים דאטום ווען די USDA האט ערהאלטן די קלאגע. קלאגע דאקומענטן אדער קלאגע פארמס געשיקט דורך אימעיל ווערן באטראכט אלץ אריינגעגעבן ביים דאטום ווען די USDA האט ערהאלטן די קלאגע. קלאגעס ערהאלטן נאך די 180-טאג דעדליין מוז אריינרעכענען א 'גוטע אורזאך' ערקלערונג פאר די פארשפעטיגונג. צום ביישפיל, אויב:

1. איר האט נישט לאגיש געקענט וויסן פון די דיסקרימינאציע אקט אינערהאלב די 180-טאג צייט אפשניט;
2. איר זענט געווען ערנסט קראנק אדער ערנסט באגרעניצט; אדער
3. די זעלבע קלאגע איז געווארן אריינגעגעבן מיט אן אנדערע פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע אגענטור און יענע אגענטור האט גארנישט געטון מיט אייער קלאגע.

**USDA פאליסי:** פעדעראלע געזעץ און פאליסי פארבאטן דיסקרימינאציע אנטקעגן אייך באזירט אויף ראסע, קאליר, און נאציאנאלע אפשטאם אריינגערעכנט דיסקרימינירונג באזירט אויף מיטגעטיילטע אפשטאם אדער עטנישע כאראקטערן אדער באזירט אויף בירגערשאפט אין א לאנד מיט א פירנדע רעליגיע. דיסקרימינאציע באזירט אויף ראסע, קאליר, און נאציאנאלע אפשטאם שליסט אויך איין דיסקרימינאציע באזירט אויף טשעפערייען, וויבאלד איר און/אדער אן אנדערע מענטש זענען, צום ביישפיל, אידיש, מוסלמעניש, אראביש, הינדו, אדער סיק; אדער באזירט אויף אנדערע עטנישע און רעליגיעזע אייגנשאפטן. צום ביישפיל, מענטשן וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט צו עטנישע טשעפערייען (אזוי ווי אנטיסעמיטישע אדער אנטי-מוסלים טשעפערייען); געטשעפעט פאר וויאזוי זיי קוקן אויס, טוען זיך אן, אדער רעדן אין וועגן פארבינדן צו זייער עטנישע הונטערגרונד (אזוי ווי הויט קאליר, רעליגיעזע קליידער, אדער שפראך גערעדט); אדער סטיריאטיפ'ט באזירט אויף זייער אנגענומענע עטנישע אייגנשאפטן. USDA וועט באשטימען אויב זיי האבן יוריסדיקציע אונטער די געזעץ צו פראסעסירן די קלאגע אויף די באזיס אידענטיפיצירט אין די קלאגע און אין די פראגראמען אנגעצייגט אין די קלאגע. נקמה איז פארבאטן באזירט אויף פריערדיגע ציווילע רעכטן אקטיוויטעט.

**וואו אריינצוגעבן אייער קלאגע: איר קענט אריינשיקן אייער פארענדיגטע פארם אדער בריוו צו די USDA דורך:**

**פאסט:** U.S. Department of Agriculture Office of the Assistant Secretary for Civil Rights 1400 Independence Avenue, SW Washington, D.C. 20250-9410.

**אימעיל:** program.intake@usda.gov

פאר מער אינפארמאציע באזוכט: https://www.usda.gov/oascr/how-to-file-a-program-discrimination-complaint.

OMB קאנטראל נומער: 0508-0002

אפלויף דאטום: 09/30/2027

| לעגאלע אינפארמאציע |
|---|
| **צושטימונג:** די USDA פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע פארם ווערט צוגעשטעלט אין איינקלאנג מיט די פריוואטקייט אקט פון 1974 (5 U.S.C. §552a) און ווערט גענוצט צו באקומען אינפארמאציע פאר פראסעסירונג קלאגעס פון דיסקרימינאציע. USDA פארלאנגט די אינפארמאציע אין איינקלאנג צו 7 CFR טייל 15.<br><br>אויב די פארענדיגטע פארם ווערט אנגענומען אלס א קלאגע, וועט די אינפארמאציע געזאמעלט דורכאויס די אויספארשונג ווערן גענוצט צו פראסעסירן אייער פראגראם דיסקרימינאציע קלאגע. |
| **נקמה איז פארבאטן:** קיין שום אגענטור, אפיציר, ארבעטער, אדער אגענט פון די USDA, אריינגערעכנט מענטשן וואס פארטרעטן די USDA און אירע פראגראמען, זאלן דערשרעקן, באדראען, טשעפענען, צווינגען, דיסקרימינירן אנטקעגן, אדער אויסערדעם נקמה נעמען אנטקעגן איינער וואס האט אריינגעגעבן א קלאגע פון אנגעבליכע דיסקרימינאציע אדער וואס נעמט אנטייל אין סיי וועלכן אויפן אין אויספארשונג אדער אנדערע פראצעדור וואס שטאמט פון קלאגעס פון דיסקרימינאציע. |
| **פריוואטקייט אקט דערקלערונג *(5 U.S.C. § 552a)*** |
| **אויטאריטעטן:** זאמלונג די אינפארמאציע ווערט אויטאריזירט דורך טיטל VI פון די ציווילע רעכטן אקט פון 1964 (42 U.S.C. § 2000d); און אפטיילונגען 504 און 508 פון די ריהאביליטאציע אקט פון 1973 (29 U.S.C. §§ 794; 794d) און סיי וועלכע אנדערע אנטי-דיסקרימינאציע סטאטוטס, געזעצן און פאדערונגען. |
| **ציל:** די אינפארמאציע געזאמעלט אויף די פארם ווערט גענוצט פאר פראסעסירונג קלאגעס פון דיסקרימינאציע אונטער די סטאטוס אויסגערעכנט אין די "אויטאריטעטן" אפטיילונג פון די מעלדונג. סיי וועלכע אינפארמאציע באקומען פון די פארם וועט ווערן אויפגעהאלטן אין אונזער סיסטעם פון רעקארד. |
| **געוויינליכע באנוצן:** מער אינפארמאציע אויף די געוויינליכע באנוצן פאר די סיסטעם קען מען טרעפן אין די סיסטעם פון רעקארדס מעלדונג USDA-2021-0007 רעקארדס אויפגעהאלטן דורך OASCR קען געזען ווערן דורך די אינטערנעט אויף [https://www.usda.gov/home/privacy-policy/system-records-notices](https://www.usda.gov/home/privacy-policy/system-records-notices). |
| **אנטפלעקונג:** צושטעלן די אינפארמאציע איז פרייוויליג. פארפעלונג צו ענדיגן די פארם קען פירן צו אן אויפהאלטונג אין פראסעסירונג פון די קלאגע אדער אפזאג פון די קלאגע צוליב נישט האבן גענוג אינפארמאציע צו פאראויס גיין מיט פראסעסירונג. |
| **פאפירווארק פארמינערונג אקט דערקלערונג** |
| די פאפירווארק פארמינערונג אקט פון 1995 (44 U.S.C. 3501 et seq.) פארלאנגט אונז אייך צו מעלדן אז די אינפארמאציע ווערט געזאמעלט צו פארזיכערן אז אייער קלאגע ענטהאלט אלע אינפארמאציע פארלאנגט עס צו פראסעסירן אינגאנצן. OASCR וועט נוצן די אינפארמאציע צו פראסעסירן אייער דיסקרימינאציע קלאגע.<br><br>אן ענטפער צו די פארלאנגג איז פרייוויליג. די אינפארמאציע איר שטעלט צו אויף דעם פארם וועט בלויז ווערן מיטגעטיילט מיט מענטשן וועלכע האבן אן אפיציעלע געברויך צו וויסן און וועט באשיצט ווערן פון פובליק אויפדעקונג אין איינקלאנג צו די געזעצן פון די פריוואטקייט אקט, (5 U.S.C. § 522a(b)) די צייט געשאצט וואס מען דארף אויסצופילן דעם פארם איז 60 מינוט. איר קענט שיקן באמערקונגען אנבאלאנגט די פונקטליכקייט פון די שאצונג און סיי וועלכע קאמענטירן צו נידערן די צייט אויסצופילן דעם פארם צו די:<br>U.S. Department of Agriculture, Office of the Assistant Secretary for Civil Rights<br>1400 Independence Avenue, SW, Mail Stop 9410, DC, 20250-9410<br>אן אגענטור קען נישט דורכפירן אדער ספאנסאר'ן, ווי אויך דארף קיינער נישט ענטפערן צו, קיין אינפארמאציע זאמלונג אויסער אויב עס צייגט א יעצטיגע גילטיגע OMB קאנטראל נומער. **דער OMB קאנטראל נומער פאר די בויגן איז 0508-0002** |

OMB קאנטראל נומער: 0508-0002

אפלויף דאטום: 09/30/2027

| טיטל VI און ענווייראנמענטאל גערעכטיגקייט |
|---|
| טיטל VI פון די ציווילע רעכטן אקט פון 1964 פארלאנגט פעדעראלע אגענטורן צו פארזיכערן אז פראגראמען אדער אקטיוויטעטן באקומען פעדעראלע פינאנצירונג אריינגערעכנט די וואס אפעקטירן מענטשליכע געזונט אדער די ענווייראנמענט, זאלן נישט נוצן דיסקרימינאציע קריטעריע, אויפנים, אדער פראקטיקן וואס טוען נעגאטיוו באווירקן באשיצטע גרופעס. USDA שטופט פאראויס ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט דורך דורכפירן אירע פאראנטווארטליכקייטן אונטער די געזעץ צו אידענטיפיצירן און אדרעסירן נישט צוגעפאסטע און נעגאטיווע פובליק געזונטהייט און ענווייראנמענטאלע, קלימאטן-פארבינדענע, און קיומולעטיווע באווירקונגען אויף געמיינדעס מיט ענווייראנמענטאלע גערעכטיגקייט זארגן. USDA לאדנט די פובליק צו ברענגען צו איר אויפמערקזאמקייט מעגליכע פארלעצונגען פון אונזער לאנד'ס ענווייראנמענטאלע געזעצן. ביטע נוצט דעם פארם צו לאזן די USDA וויסן פון סיי וועלכע ענווייראנמענטאלע, געזונט און קלימאט ווירקונגען אויף מענטשן און געמיינדעס וועלכע קען ווערן פאראורזאכט דורך די שריט פון USDA, אירע מיסיע ערטער אדער אגענטורן. ביטע פארשטייט אז אריינגעבן די קלאגע פארם האט נישט קיין ווירקונג אויף סיי וועלכע סטאטוט פון באגרעניצונגען אדער אנדערע פארלאנגען אריינצוגעבן וועלכע קען זיין שייך צו סיי וועלכע קלאגע איר האט מעגליך. נאכמער, דורך אריינגעבן די קלאגע האט איר נישט אנגעפאנגען קיין געריכט פראצעדור אדער אנדערע לעגאלע פראצעדור, און די אפיס האט נישט אנגעפאנגען א געריכט פראצעדור אדער פראצעדור פאר אייך. |

| נאציאנאלע אפשטאם דיסקרימינאציע |
|---|
| דיסקרימינאציע באזירט אויף נאציאנאלע אפשטאם שליסט איין דיסקרימינאציע באזירט אויף די לאנד, וועלט ראיאן, אדער פלאץ וואו א מענטש אדער זיינע זיידעס קומען פון; א מענטש'ס באגרעניצטע ענגלישע קענטעניס אדער ענגלישע לערנער סטאטוס; און א מענטש'ס פאקטישע אדער אנגענומענע מיטגעטיילטע אפשטאם אדער עטנישע אייגנשאפטן, אריינגערעכנט זיין א מיטגליד אין א רעליגיע וועלכע קען ווערן באטראכט ארויסצווייזן די אייגנשאפטן (צ.ב., הינדו, אידיש, מוסלים, און סיק סטודענטן). |

| USDA אקסעסיביליטי דערקלערונג |
|---|
| אפטיילונג 508 פון די ריהאביליטאציע אקט פון 1973, ווי פארראכטן (29 U.S.C. 794d) ערלויבט אינדיווידועלן אריינצוגעבן אדמיניסטראטיווע קלאגעס און ציווילע שריט אנטקעגן די אפטיילונג, באגרעניצט צו דעם אפטיילונג'ס אנגעבליכע פארפעלונג צו באקומען צוטריטליכע טעכנאלאגיע. די סטאטוט פארלאנגט פעדעראלע אגענטורן צו פראסעסירן אפטיילונג 508 קלאגעס לויט די זעלבע קלאגע פראצעדורן גענוצט צו פראסעסירן אפטיילונג 504 קלאגעס. USDA איז פארשפראכן צו מאכן אירע דידזשיטעל אינהאלט צוטריטליך. USDA קאסטומערס, ארבעטער, דזשאב אפליקאנטן, און מיטגלידער פון די פובליק מיט באגרעניצונגען דארפן האבן צוטריט צו אינפארמאציע און קאמיוניקאציע טעכנאלאגיע (Information and Communication Technology, ICT) ענליך צו די צוטריט אוועילעבל צו מענטשן אן באגרעניצונגען. |